Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT — פּרייז 30 גראָשען — היינט 24 זייטען

# נייער פאָלקסבלאַט

№ 105 | Łódź, Piątek, 6 maja 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאָדז, פרייטאג, ל ניסן תרצ״ב | № 105

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פּעטריקאָווער 21, טעל. 224-71

Dziś, o godz. 12-tej w poł. jako rocznica śmierci

## B. P. Izraela K. Poznańskiego

**fundatora i b. Prezesa Szpitala**

odbędzie się w synagodze Szpitala ŻAŁOBNE NABOŻEŃSTWO, na które zaprasza krewnych i znajomych

Zarząd Szpitala fund. Małż. Poznańskich.

2861

## „PALATYN" Piotrkowska 89, tel. 223-38

1-טע מאָדערניסטישע ביבליאָטעק אין פּוילען

קאָמוניקאַט.

ס׳איז אָנגעקומען אין אונזער ביבליאָטעק אַ נייער טראַנספּאָרט ביכער אין יודיש, פּויליש, דייטש, פראַנצויזיש און העבראַיש אויף דעם געביט פון סאָציאָלאָגיע, ביאָלאָגיע, עקאָנאָמיע, פּובליציסטיק, פּעדאַגאָגיק, פּסיכאָלאָגיע, ליטעראַטור, ווי אויך די לעצטע בעלעטריסטישע נייהייטען.

די ביבליאָטעק איז טעטיג יעדן טאָג פון 7–9 אָווענד אָהן איבעררייס. אַרבייטער, אינטעליגענץ און שטודירענדע געניסן פון אַ ספּעציעלער הנחה. די ליי טונג.

באַמערקונג: אין לעזע-זאַל, וואָס געפינט זיך ביי דער ביבליאָטעק קומט אָן טעגליך די ארץ-ישראל׳דיגע העבראַאישע פּרעסע און צייטשריפטען.

אויף טעלעפאָנישע בעשטעלונג שיקען מיר די ביכער אַהיים.

2883

## Piotrkowska 14.

PAMIĘTAJ ! że już 19 maja odbywa się ciągnienie I klasy.
PAMIĘTAJ ! że wiele szczęścia Cię oczekuje.
PAMIĘTAJ ! iż przy ubiegłej loterji padła u nas wygrana Zł. 30.000 na Nr. 89011.
PAMIĘTAJ ! kupić los w najszczęśliwszej kolekturze

## F. BRAJTSZTAJNA

**PIOTRKOWSKA 14, TEL. 142-47.**

PAMIĘTAJ ! mój adres, o ile chcesz się pozbyć trosk
PAMIĘTAJ ! że główna wygrana 1.000.000 zł.
PAMIĘTAJ ! że za małą sumę możesz się wzbogacić
PAMIĘTAJ ! że co drugi los wygrywa
PAMIĘTAJ ! że przez nas wiele ludzi się wzbogaciło
PAMIĘTAJ ! Czas nagli, spiesz do naszej kolektury !

Piotrkowska 14.

Tel. 142-47. Tel. 142-47.

נאַרוטאָוויטשאַ 20 — זאַל פילהארמאניע — נאַרוטאָוויטשאַ 20

## אבער-קאנטאר משה קוסעוויצקי אין לאָדז!!!

שבת פרשת אמור (14. מאי 1932) פרייטאג-צונאכטס קבלת שבת, צומארגענס אום 9 פריה שחרית און מוסף. דער ראש פון די יודישע חזנים אין פוילען, אויבערקאנטאר פון דער ווארשעווער טלאמאצקער סינאגאגע

## ה׳ משה קוסעוויצקי

האָט ענדליך בעוויליגט אויף איין שבת צו קומען קיין לאָדז. די בעזוכער פון „פילהאַרמאָניע" וועלען האָבען די זכיה צו הערען דעם גרויסען יודישען קינסטלער, דעם וועלט-בעריהמטען לירישען טענאָר מיט זיינע מתיקות׳דיגע תפילות. אויבער-קאַנטאָר משה קוסעוויצקי וועט דאָס מאָל איבעראַשען דעם עולם מיט זיין ערשטקלאַסיגען רעפּערטואַר מיט זיין וואונדערליכען „ספירה"-צייל׳ען, וואָס בעצויבערט די צוהערער. אינ׳ם דאַווענען בעטייליגט זיך דער לאָדזער פּראָפעסיאָנעלער גוט-איינשטודירטער כאר אונטער דער לייטונג פון דעם וועלכער איז צוריקגעקומען פון הערץ רובין, יונגען טאַלאַנטפולען דיריגענט זיין שטודיום-רייזע פון לאָנדאָן.

די איינטריטס-קאַרטען זענען ערמעסיגט פון 1 זל. ביז 2 זל. – בילעטען-פארקויף: אין קאַסע פון פילהאַרמאָניע, ביי ה׳ י׳ זעלמאַנאָוויטש עק פּיעטריקאָווער און פאָלודניאָווע

באַמערקונג: פאַר פרויען בעזונדערע רעזערווירטע פּלעצער.

2786

## 36 — טוך- און קאָרט-לאַגער — 36

## Bcia A. i R. MILGROM

fr., I piętro PIOTRKOWSKA 36 telef. 225-95

מיר עמפפעהלען צום פריהלינג און זומער-סעזאָן

די נייעסטע **אנצוג- און פאלטא-שטאָפען**

פון די בעסטע ביליצער, טאמאשאווער און לעאנארד׳ס, ווי אויך דאַמען-מענטעל

גרויסער אויסוואהל!

הורט און דעטייל! ■ ביליגע פרייזען!

36 — פּיעטריקאָווער — 36

## ASEKURACJA ■ פערזיכערונגען

פון פאבריקען געגען פייער, אלער ארט סחורה-לאַגערן געגען פייער און גנבה.

## וואוינונגען געגען פייער און גנבה

ווי אויך טראנספּארט-פערזיכערונגען פיהרט אויס רעיעל און פינקטליך אויף גינסטיגע בעדינגונגען

## מרדכי חיים רומקאווסקי

קילינסקיעגא 105, טעל. 112-50.

2661

מיר דריקען אויס אונזער מיטגעפיהל און ביילייד אונזער ה׳ מיטגליד

**אייזיק רייטבערגער** צוליב׳ן טויט פון זיין אונפערגעסליכע פרוי

## צילקא נ. ע.

אלע מיטגלידער ווערען געבעטען זיך צו בעטייליגען אין דער לויה, וועלכע קומט פאַר היינט, פרייטאג, דעם 6טען מאַי, 12 א זייגער בייטאָג פון טרויער-הויז, פּיעטריקאָווער 123.

**די פערוואַלטונג פון שניידער-צעך**

פאַר דער שטאָט לאָדז

אין לאָדז, פּיעטריקאָווער 20.

2902

נאָך לאנגע און שווערע ליידען איז נעכטען געשטאָרבען אין עלטער פון 62 יאָהר מיין ליבע פרוי, אונזער טייערע און אונפערגעסליכע מוטער, שוויגערמוטער, גרויסמוטער, שוועסטער, שוועגערין און טאַנטע

## נ. ע. צילקא רייטבערגער

**(געבוירען האַזע)**

די לויה קומט פאַר היינט, פרייטאָג, דעם 6. מאי 1932, 12 אַ זייגער בייטאָג פון טרויער-הויז, פּיעטריקאָווער 123, וועגען וואָס עס טיילען מיט גרויס צער

**די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.**

2917

## מאַי וועט בעסער זיין

מ'שמועסט, אַז אין מאַי וועט זיין בעסער מיט געלד.

— ווי אַזוי וועט זיין בעסער מיט געלד?

— ווייל אָהן געלד וועט זיין ערגער!

---

## זאָל לעבען!

אויף דער דעמאָנסטראַציע פון 1־טען מאַי, האָט איינער אויסגעשריגען:

זאָל לעבען דער פּראָלעטאַריאַט!

איינער פון די דורכגעהער האָט געענטפערט.

— זאָל לעבען? אָבער מיט וואָס זאָל ער לעבען?

---

## דער ריכטיגער מאַן
### אויפ'ן ריכטיגען אָרט

אין אַ היגער פילאַנטראָפּישער אינסטיטוציע, האָט זיך געווענדעט אַ יונגערמאַן וועגען אַ פּאָסטען אַלס סעקרעטאַר.

— האָט איהר די נויטיגע קוואַליפיקאַציעס?— האָט איהם געפרעגט דער פּרעזעס.

— צו פרעגע? 5 יאָהר בין איך געזעסען אויף איין אָרט.

— פאַרוואָס זענט איהר אַוועקגעגאַנגען?

— איך בין דען אַליין אַוועקגעגאַנגען? ס'איז געווען אַן אַמנעסטיע, האָט מען מיך רעדוצירט, און איך האָב געמוזט אַהיים געהען —

דער יונגערמאַן האָט בעקומען דעם פּאָסטען.

---

## אַזוי זאָגט ער

דינסט: מאַדאַם, אין דער קיך איז דאָ אַ שטומער, ער בעט אַ נדבה.

מאַדאַם: איז ער ווירקליך אַ שטומער?

דינסט: ער זאָגט אַזוי!...

---

## אַזוי רעדט מען אין באַלוט

פּאָטער (צום 5־יעהריגען משה'לע): זעהסט משה'לע, כ'האָב מיר געקויפט אויפ'ן שאַכער־מאַרק אַ פּאָר צייגענע הויזען.

משה'לע (קוקט אויף דער לינקער זייט): זייער שיין, זייער שיין.

פּאָטער: נאַרעלע, וואָס קוקסט דו אויף דער לינקער זייט, און זאָגסט: זייער שיין?

משה'לע: וואָס גייט מיך אָן די רעכטע זייט? אַז פאַר מיר וועט מען דאָך די הויזען איבערדרעהען אויף דער לינקער זייט!...

---

## ער שליסט דעם בילאַנס

אַ פאַבריקאַנט זיצט ביים שרייב־טיש און שטעלט צוזאַמען דעם בילאַנס:

פון פערטיגע סחורה — 40.000 זל. גאַרן — 25000 זל.

אומבעוועגליכע גיטער — 60.000 זל. פאַבריק און מאַשינען — 150.000 זל.

פלוצלונג לויפט אַריין דער וואָכמאַן: בעל־הבית, די גאַנצע פאַבריק שטעהט אין פלאַמען!

— הם... אויב אַזוי — פון אַסעקוראַציע — 150,000 זל....

---

## שוין איינמאַל אַנ'אַפּעטיט!...




ר ו ס ל אַ נ ד (צו יאַפּאַן): דו קליינער וועוורק, ווי איך זעה, קומט צו דיר דער אַפּעטיט מיט'ן עסען...

---

## וואָס זאָלען מיר שפּילען, מ'זאָל דעם קריזיס נישט פיהלען?
### פון אַרטיסט נ ת ן ר ײ כ ע נ ב ע ר ג

דאָס הונד'ל שטעלען? —
וועט דער פּרעסע נישט געפעלען.
די פּערסישע כלה? —
ערגער פון אַלע!
אַ קרבן פון אַ שוועסטער?
אַ דעפיציט דער גרעסטער.
קאַווקאַזער ליבע?
זיסע ליבע?
חלומות פון ליבע?
פּאַלעסטינער ליבע?
אומגליקליכע ליבע? —
וועט זיין די קאַסע אַ טריבע.
אַרגענטינער פּאָטער? —
וויל מען פון אונז ווערען פּטור.
ביינאַכט אויפ'ן אַלטען מאַרק? —
וועט מען אונז ברעכען דעם קאַרק.
דער הייליגער פלאַם?
פאַר'ן עולם ווי סם.
דער פריילעכער ציגיינער? —
קומט נישט קיינער.
דער פּרייז פון לעבען? —
וועט גאָרנישט געבען.
איינע פון יענע? —
וויל מען אונז נישט קענען...
רייזעל פון יאַפּאַן? —
קיין פּרנסה נישט פערהאַן,
אַ האַרץ וואָס בענקט? —
שוין לאַנג אויסגעקרענקט!
די ליבע אין מאַי? —
איז דער קאַסיר פריי.
פון יענער וועלט? —
גיט נישט קיין געלט.
דער אייביגער נאַר? —
וואָס וועלען מיר האָבען דערפאַר
בלינדער פאַיאַץ? —
וועט מען אונז הערען ווי די קאַץ...

---

כדי צו פערמיידען די געפאַהר —
זאָל דער עולם אַליין בעשטימען דעם הײַ־ רעפּערטואַר.
נאָר אַזוי ווי דערמיט
אינטערעסירט זיך קיינער —
לייגען מיר דערווייל
אויף דער פּאָליצע די ציינער!

## אַ לאָדזער רעגולאַציע
### אונטערגעהערטער שמועס אויף נאַוואָמיעסקאַ גאַס

אויף נאַוואָמיעסקאַ גאַס, שטעלט אַ ייד אָפּ אַ פּראָווינצער סוחר, און עס ענטוויקעלט זיך אַ שמועס:

ייד: זאָגט מיר, פּאַניע כאַפּער, וואָס וועט זיין מיט מיין חוב? ס'איז דאָך נישט צייט צו בעצאָהלען?

סוחר: איך האָב דאָך נישט קיין געלד!

ייד: כ'וועל אייך מאַכען אַ פאָרשלאַג: אפשר וואָלט איהר מיר צוריקגעגעבען די סחורה?

סוחר: גוט, כ'בין מסכים, אָבער נאָר פאַר קאַסע....

---

## ווי אַזוי לאָדזער יודען שווערען זיך

כ'זאָל אַזוי קיינמאָל דעם קאָמאָרניק נישט זעהען.

— כ'זאָל אַזוי דערלעבען צו זעהען דעם סוף פון קריזיס.

— כ'זאָל אַזוי בעהיט ווערען פון אַנ'עקס־מיסיע.

— כ'זאָל אַזוי נאָך אַמאָל זעהען אַ זלאָטי פאַר מיינע אויגען.

— כ'זאָל אַזוי בעשערימט ווערען פאַר ליציטאַציע.

— הלוואַי זאָל איך אַזוי בעקומען אַ „נאַדזור".

— כ'זאָל אַזוי דערלעבען צו זעהען מיין טייל אין ווישניאָווע גורא.

---

# דער קונדס

הומאָר ● סאַטירע ●

● צוזאַמענגעשטעלט פון אב—נעק

ביילאַגע צום נייעם פאָלקסבלאַט נומער 105 פרייטאָג, דעם 6 מאַי 1932

## דער פויער האָט נאָר כוח צו ציהען...




דאַטשניקעס: ווער וועט עס קענען צו דעם גליק דערגרייכען?



אויבען רעכטס: געטהע־אקאדעמיע אויף דער פארי־זער אוניווערזיטעט (XX) פרעזידענט דומער (X) דייטשער באטשאפטער פאן העש.



אינדערזייט רעכטס: העריא, פיהרער פון די ראדי־קאל־סאציאליסטען, וועלכע זענען איצט די שטארק־סטע פארטיי אין פראנקרייך.

אונטען רעכטס: די שטאט נעבען לאס אנדזשעלעס, וואו עס וועט היי־יאהר פארקומען די אלימפיאדע.





עס איז געווארען פופציג יאהר זינט ס'איז אויסגעבויט געווארען דער דאזיגער טונעל דורך דער סען גאטאר־באר"ג אין די לאפען. אויבען — דער וויארוקט פון טונעל, אונטען — דער אריינפאהר אין טונעל.



גערהארדט הויפטמאן זאל בעקומען דעם געטהע־פרייז פאר'ן יאהר 1932.



אויבען לינקס: א בליק אויפ'ן שטעטעל קאכעם, (דייטשלאנד), וואס איז פערשיט געווארען דורך א בארג־רוטש.



אינדערזייט לינקס: דער בעריהמטער באנקיר מארגאן. די לעצטע טראנזאקציעס ויינע זענען רעוידירט געווארען דורך דער אמעריקאנישער רעגירונג, וויל זיי האבען געטראגען א פאליטישען כאראקטער.

אונטען לינקס: פאלקספייערונג לכבוד געטהע'ן אין די הארצבערג אין בילד: 1) געטהע אין בעגלייטונג פון די מכשפות קומט אן אויף דער וואלפורגיס־באכט' 2) וואלפורגיס־באכט (לויט „פאוסט”).









די בעריהמטע פילם־אַרטיסטקע גרעטאַ גאַרבאָ זאָל חתונה האָבען מיט'ן שוועדישען שריפטשטעלער סערענסען.

אינדערמיט: אין דייטשלאַנד איז מען צוגעטרעטען צו בויען אַ רייהע נייע שיפען, וואָס דאָס וועט געבען בעשעפטיגונג 10 טויזענד אַרבייטער.









אויבען רעכטס: א בילד פון די ריזען־דעמאָנסטראַציעס אין גיו – פאַונדלענד.

אינדערזייט רעכטס: דער ענגלישער פינאַנץ־מיניסטער בעוויל טשעמבערלען האַלט זיין בודזשעט־רעדע פאַר'ן פאַרלאַמענט.

אונטען רעכטס: אויפ'ן פליה־פלאַץ טעמפעלהאָף אין בערלין פאַשעט זיך אַ סטאַדע שאָף כדי אָפּצורייניגען דעם פלאַץ פון גראָז, וואָס שטערט דער בעוועגונג פון די אַעראָפּלאַנען.

אויבען לינקס: באַל פון דער אַמעריקאַנישער קאָלאָניע אין בערלין לכבוד דעם 200־טען געבורטסטאָג פון דזשאָרדזש וואַשינגטאָן.

אין דער זייט לינקס: דער פרעמיער פון פרייסען בראַון (אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט).

אונטען די איינריכטונג פון אַעראָפּלאַן אויפ'ן ריזען דאַמפער „איירראָפּאַ“.







אונטען: בעריהמטע לופטשיף „לאָס אַנדזשעלעס“ ווערט געשטעלט אויסער דינסט צוליב שפּאָרזאַמקייט.

